ד. (חסר) אויף אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה, איז דאך פאראן די תורה פון דעם מגיד וואס דער אלטער רבי האט עס געהערט צען מאל, בכדי עס זאל דורכנעמען אלע עשר כחות הנפש, כמבואר בהיום יום, אז עס דארף זיין דער לא תכבה, אויסלעשן און מבטל זיין דעם לא. ובפסקא השני' אין היום יום ברענגט ער סכרו, אז בשעת ער טוט אט דעם ענין פון לא תכבה, דעמאלט איז זיין שכר אז דער זכות וועט שטענדיק בלייבן בתמידיות.

אויף דעם פסוק זאגט רש"י (ו,ו): "אש שנאמר בה תמיד היא שמדליקין בה את הנרות שנאמר להעלות נר תמיד אף היא מעל המזבח החיצון תוקד". און דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "לא תכבה" און איז מפרש: "המכבה אש על המזבח עובר בשני לאוין".

דא ווערט גלייך ניט פארשטאנדיק:

א) אין פשטות הכתובים, וואו רעדט זיך בכלל דא וועגן די מנורה; מען האט דאך געקענט לערנען עפ"י פשטות אז דאס רעדט זיך וועגן דעם אש פון מזבח גופא, אז דאס מוז זיין תמיד לא תכבה, און דאס וואס ער זאגט דאס נאכאמאל, אעפ"י אז ער האט עס שוין פריער געזאגט, און ער איז נאך מוסיף דעםווארט "תמיד", איז אויף מחזק זיין דעם ענין אז עס דארף זיין בתמידיות, ולא תכבה, פארוואס דארף רש"י אין פשטות הכתובים אנקומען צו דעם ענין פון אש של המנורה?

און ווי מען זעט טאקע אז דער אבן עזרא וואס ער איז פון די ראש הפשטנים טייטשט עפ"י פשטות אז דאס רעדט זיך וועגן דעם אש פון מזבה. היינט פארוואס דארף רש"י זאגן אז דאס רעדט זיך וועגן אש של המנורה.

ב) ווי שטימט עס מיט דעם וואס רש"י האט פריער מפרש געווען (בפסוק ה׳) ריבה כאן יקידות הרבה, און איינע פון זיי ברענגט ער בפירוש אש תמיד תוקד על המזבח, און איז מפרש אז נחלקו רבותינו במנין המערכות, האט דאך רש"י ערשט אליין מפרש געווען אז אש תמיד גייט אויפן מזבח, און דאס איז מצד די מערכות, און איצטער איז ער זיך סותר לכאורה און זאגט אז עס רעדט זיך וועגן אש של המנורה.

די קשיא פרעגן אנדערע מפרשים, נאר דאס וואס זיי ענטפערן איז ניט בדרך הפשט.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "לא תכבה" און זאגט: לעבור עליו בב׳ לאוין, ומובן בפשטות, וויבאלד אז עס שטייט שוין פריער לא תכבה, מוז מען זאגן אז דאס איז אויף מוסיף זיין נאך א לאו.

איצטער

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ״ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 27 הודפס ע״י אוצר החכמה

איצטער וועט מען ריידן אויף א רש"י פריער אין פרשת ויקרא (ב,ה), (חסר קצת), וואס רש"י שטעלט זיך אויף "ואם מנחה על המחבת" און איז מפרש: שאמר הרי עלי מנחת מחבת וכלי הוא שהי' במקדש שאופין בו מנחה זו על האור בשמן והכלי אינו עמוק אלא צף ומעשה המנחה שבתוכו קשין שמתוך שהיא צפה האור שורף את השמן וכולן טעונות ג' מתנות יציקה ובלילה ומתן שמן בכלי קודם לעשייתן.

ולכאורה איננו מובן: א) פארוואס נויטיקט זיך רש"י צו ברענגען אזויפיל דינים פון א קרבן מחבת, שלכאורה אינם נוגעים כלל בדרך הפשט לפי' הפסוק?

ב) כמדובר כמה פעמים אז די ווערטער אויף וועלכע רש"י שטעלט זיך זיינען אויך בדיוק, ולכאורה האט רש"י זיך דא געדארפט שטעלן בלויז אויפן ווארט "מחבת", פארוואס ברענגט ער אויך אראפ די ווערטער "ואם מנחה על", און ווי מ'זעט אז שפעטער (בפסוק ז') זאגט ער טאקע נאר דעם ווארט מרחשת און טייטשט אפ וואס עס מיינט.

ג) און די קשיא איז אויך פארבונדן מיט היינטיקע סדרה: פארוואס ביי מרחשת שטייט במרחשת, ועד"ז ביי די אנדערע, משא"כ ביי מחבת שטייט על המחבת, ועד"ז איז שווער בפ' צו, וואס דארטן שטייט כמה פעמים במרחשת וכו', און ביי מחבת שטייט על המחבת, ולכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס רש"י שטעלט זיך ניט אויף דעם צו פארענטפערן דאס.

ווארום פונקט ווי מען דארף פארשטיין דאס וואס רש"י איז יא מפרש, עד"ז בשעת רש"י איז ניט מפרש איז מובן אז עס איז בדיוק און מען דארף ניט אנקומען לפירושו כי מובן בדרך ממילא, דארף מען פארשטיין ווי טאקע איז דאס מובן אז בנוגע למרחשת שטייט כסדר במרחשת וכו', און ביי מחבת שטייט על מחבה (ו,יד).

וכאמור אז אלע ענינים אין פירש"י דארפן זיין מוכרח על דרך הפשט וכו', אויב ניט איז עס ניט ענינו של רש"י, וכפי שיתבאר לקמן.

ח. כאמור לעיל, די תורה פון דעם מגיד, אז עס דארף זיין לא תכבה, מבטל זיין דעם לא, שהפירוש בפשטות אז די אלע מנגדים וועלכע זאגן לא, זאל זיין תכבה, אז זיי וועלן נתבטל ווערן און זיי זאלן זאגן הן.

והפירוש הפנימי בזה, הו"ע מה שזדונות נעשים לו כזכיות, אז פון זדונות (לא) ווערן זכיות (הן).

וואס עיקר ענין זה וועט זיין בזמן הגאולה, וואס עס וועט זיין זדונות נעשים לו כזכיות, ואתא לאתבא צדיקיא בתיובתא.

עס איז דאך אבער כל ענינים שלע"ל תלויים בעבודתינו ומעשינו במשך זמן הגלות, מוז אדיך איצטער זיין א מעין זה.

והביאור בזה: ענינים פון מצות עשה זיינען א בירור, באופן של קירוב והמשכה, און דאס קען זיין בלויז בדבר המותר איך ק"נ וכו׳, אבער ניט אין שלש קליפות הטמאות. ווארום ג"ק הטמאות לגמרי קענען איצטער ניט נתברר ווערן, און זייער בירור איז באופן של רחי׳, ניט קירוב.

דערנאך איז אבער פאראן ז׳ מצות דרבנן, וואס אה"נ אז זיי זיינען אן ענין של הן, עשה, קומען זיי אבער מצד סייגים אויף בהווארענען דעם לא, דאס זיינען גדרים און סייגים אויף ניט עובר זיין עבירות מדאורייתא.

און דאס איז דער ענין ווי איצטער איז פאראן, אז פון לא מאכט מען הן.

עס איז דאך ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא, איז אויך אין תורה פאראן אזא ענין, און דאס איז בנוגע לענין כרת, שהו"ע כמבואר באגה"ת אז ער רייסט זיך אפ לגמרי בכל הנגמין שלו פון דעם אויבערשטן, וואס דאס איז דער גרעסטער אופן אין רחי׳, אז ער ווערט נדחה לגמרי און ווערט אפגעריסן.

זיינען אלע כריתות בלויז אויף לא תעשה, אחוץ צוויי ענינים של עשה וואס עס איז פאראן אויף דעם כרת, און דאס איז פסח ומילה, וואס אעפ"י שהוא ענין של עשה, איז עס אבער אן ענין של <u>הסרת הרע</u>,

וכמבואר אז מילה איז ענינו אויף אראפנעמען די ערלה, גקה"ט לגמרי, ביז ווי עס שטייט אין מדרש אז איינער האט בע-פרעגט בי״א תנא אויב דער אויבערשטער האט געוואלט אז עס זאל ניט זיין קיין ערלה, פארוואס האט ער ניט באשאפן אזוי א מענטשן מלכתחילה, ביז ווי מען געפינט אז אדם און נח זיינען נולדים מהולים, כמ"ש נח איש צדיק תמים כו׳, ווארום עיקר הענין איז העדר הערלה, עס איז נאר וואס לאחר מתן תורה אויב נולד מהול דארף מען הטפת דם ברית, און אויך אין דעם גופא טראכטן אחרונים וואס דער פירוש אין דעם איז.

זעט מען דאך דא בענין המילה ופסח אז פון לא ווערט אן ענין של עשה, הן, וכאמור לעיל אז עיקר הענין וועט זיין לע"ל, איצטער אבער איז פאראן א מעין זה.

ובנוגע

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 32 הודפס ע"י אוצר החכמה

ובנוגע למיטה שטייט דאך אין פסוק (יהושע ה׳) אז דער דור המדבר לא מלו א"ע כל המ׳ שנה ביז קודם כניסתם לארץ, און די גמרא (יבמות עא,ב) זאגט אז בעשרה לא מהילי משום חולשא דאורחא, וואָרום ביו"ד בניסן עברו את הירדן, נאר זיי האבן זיך מל געווען בי"א בניסן. אין גמרא שטייט בלויז אז עס איז ניט געווען בי׳ ניסן, עס קען אָבער זיין אז עס איז געווען כמה ימים אחר כך, ובפרט אז עס איז פאראן א סברא כשבאים מן הדרך זאל ער ווארטן מחמת טלטול הדרך ג׳ ימים, איז אָבער אין סדר עולם (פי"א) און אין רש"י שטייט קלאר, אז דאס איז געווען בי"א ניסן.

וכאמור לעיל, אז בשעת מען פועל׳ט אז עס זאל זיין לא תכבה, מבטל זיין דעם לא, דעמאלט איז ווי ער זאגט אין דעם צווייטן פסקא אין היום יום, אז זיין שכר איז אויך לא תכבה און׳עס איז בתמידיות.

ט. איצטער בנוגע לפירש"י אויף "אש תמיד", וואס מען האט געפרעגט פארוואס קען מען ניט זאגן אז דער תמיד גייט אויף דעם אש של המזבח גופא, וכנ"ל, פארוואס מוז מען זאגן אז דאס איז אש של המנורה?

נאר רש"י בדרך הפשט קען אזוי ניט לערנען. וואָרום בדרך הפשט איז תמיד קען מיינען בדוגמת ווי עס שטייט ביי מנחת תמיד אז דאס איז ב"פ ביום, ועד"ז שטייט תמיד ביים לחם הפנים, וואס דארטן פלעגט מען בייטן איין מאל א וואך, ובמילא איז דאך תמיד אליין ווייניקער תמידיות ווי לא תכבה, וואָרום אפילו בעת מען טוט א זאך צוויי מאל בכל יום, הייסט עס שוין תמיד אעפ"י אז עס איז ניט בכל רגע ורגע, ובמילא קען מען דאך ניט זאגן אז דער תמיד קומט מחזק זיין דעם ענין, וואָרום אדרבה, לא תכבה האט שוין מער תמידיות אין זיך ווי תמיד, דעריבער מוז מען זאגן אז דא מיינט מען אן אנדער תמיד - דער אש של המנורה שנאמר בו תמיד.

און דער פסוק קומט זאגן אז דעם אש פון מנורה דארף מען נעמען פון דעם מזבח - מזבח החיצון.

אבער דערנאך אז עס שטייט לא תכבה, זאגט רש"י אז דאס גייט שוין אויפן מזבח אליין, און דערפאר איז רש"י מאריך אין לא תכבה און זאגט ניט סתם לעבור עליו בב׳ לאוין, נאר ער זאגט המכבה אש על המזבח, וואָרום מ׳האט געקענט לערנען אז דער לא תכבה גייט ארויף אויף דעם אש של המנורה, אז בשעת מען צינדט פון דעם מזבח אויף אנצינדן די מנורה טאר מען ניט אויסלעשן דעם פייער וואס ער טראגט אויף אנצינדן די מנורה.

דערפאר זאגט רש"י אז דא רעדט זיך שוין ניט וועגן די מנורה, נאר עס רעדט זיך וועגן מזבח אליין, אז דער איסור איז המכבה אש על המזבח, בשעת עס איז נאך אויפן מזבח.

דאס וואס מען האט געפרעגט פון די פריערדיקע רש"י, וואס רש"י זאגט ריבה כאן יקידות הרבה, און דאס איז צוליב די מערכות. איז דאך רש"י דארטן מפרש אז עס רעדט זיך וועגן דעם מזבח אליין, ניט וועגן מנורה.

נאר

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 33 הודפס ע"י אוצר החכמה

נאר באמת איז פאראן נאך אן ענין וואס איז דא ניט פארשטאנדיק: לכאורה פארוואס דארף רש"י בכלל אויסרעכענען בפירוש די פסוקים וואו עס שטייט לשון יקידה, לכאורה קען דער בן חמש למקרא דאס אליין איבערציילן?

נאר רש"י וויל בפירוש אויסרעכענען אויך אש תמיד תוקד, און זאגן אז וועגן דעם פסוק רעדט אויך די גמרא. ווארום באמת פארוואס דארף רש"י בכלל ברענגען אז נחלקו במסכת יומא, למאי נפק"מ אז נחלקו, און אין מסכת יומא?

נאר באמת דאס גופא וויל רש"י באווארענען אז אין גמרא דארטן איז פאראן א מחלוקת וויפל מערכות עס זיינען פאראן, לויט דעם וואס האלט אז עס זיינען פאראן פינף, דעמאלט קומט אויס אז דער פסוק פון אש על המזבח רעדט וועגן מערכות, ניט וועגן די מנורה; לויט די דיעה אבער וואס האלט אז עס זיינען געווען בלויז פיר, און ער דרש'נט ניט אש על המזבח לגבי די מערכות, לויט אים קומט רש"י אין דעם צווייטן פסוק און איז מפרש אז דאס גייט אויפן מנורה.

וכאמור כמה פעמים אז עס זיינען פאראן כמה וכמה מקומות וואו רש"י אין דעם צווייטן פסוק איז מפרש לויט איין דיעה, ווארום לויט די אנדערע דיעה האט ער בכלל ניט וואס צו מפרש זיין, עד"ז דא.

ווארום צוויי פירושים אויף איין ענין קען זיין, אבער זאגן צוויי פירושים סותרים, פארשטייט א בן חמש אז עס קען ניט זיין, דא אבער, איז כנ"ל, האט רש"י גופא באווארנט פריער אז נחלקו במנין המערכות, ובמילא מובן אז לויט דעם וואס דרש'נט אז על המזבח גייט אויף די מערכות (און תמיד וועט ער מוזן טייטשן ווי דער אבע"ז אדער באופן אחר), איז מובן בפשטות דער פסוק. אבער לויט דעם צווייטן וואס האלט אז עס זיינען פאראן בלויז פיר מערכות, און דרש'נט ניט אש על המזבח לגבי דעם, מוז מען זאגן אז דאס קומט לענין המנורה.

דא קומט צו אן ענין אין הלכה: דובר פעם אז בשעת עס זיינען פאראן צוויי ענינים וועלכע זיינען פארבונדן, איז פאראן א חקירה וועלכער איז דער עיקר, ובדוגמת ווי דער עומר ושתי הלחם וועלכע זיינען מתיר די מנחות ע"ג המזבח וכו', איז פאראן די חקירה מצד וואס איז דאס:

צי דער עיקר איז אז די שתי הלחם דארפן זיין ממנחה חדשה, במילא צריכים לבוא ראשונה דוקא, אדער דער עיקר איז אז מ'טאר ניט ברענגען קיין מנחות פאר די שתי הלחם, אבל אינו ענין מחמת שתי הלחם שהם צריכים להיות המתיר.

הנפק"מ בזה הוא: אם כבר הקריבו מנחות קודם שתי הלחם, דעכשיו יש מקום לחקור אם הוא מותר להמשיך בהקרבת המנחות מחיטים חדשים, דאם נאמר שזהו מצד שאסור להקריב מנחה קודם לשתי הלחם, הנה גם על אלו הבאים אחר כך ישנו החיוב ואסור להקריבם, אבל אם נאמר שזהו מצד שהשתי הלחם צ"ל ממנחה חדשה, הרי כאן כיון שכבר הקריב מנחות, ועכשיו כשיקריב עוד מנחה, הנה אין השתי הלחם עוד הראשון, הרי זה מותר.

ועד"ז

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 34 הודפס ע"י אוצר החכמה

ועד"ז יש לחקור כאן בנוגע לזה אשר צריכים להדליק את אש המנורה ממזבח, אם זהו דין בהמזבח שמחמתו ומצדו צריכים להדליק את המנורה, או יש לומר שהוא פרט בהמנורה, אשר המנורה צריך להיות מאור המזבח.

והחילוק בזה בדינא, כמו בחנוכה, שמבואר ברמב"ם שהדליקו את המנורה מאש המזבח, אך אם אין להם מזבח להדליק ממנו, אם זהו מעכב את הדלקת הנרות.

דהנה אם נאמר שהוא פרט במנורה שמוכרח להיות מאש המזבח יש לומר דאין להדליק את המנורה עד שיבנו את המזבח וכו׳, אבל אם נאמר שזהו חיוב מחמת המזבח, מובן בפשטות אשר כשאין מזבח, הנה אז ידליק המנורה בפשטות שלא ע"י אש המזבח, כיון שאין כאן מזבח שתחול עליו חיוב זה.

ומרש"י כאן משמע שהוא פרט בהמזבח, מכיון שכותב "אף היא מעל המזבח החיצון הוקד" (איננו ברור).

וג"כ מובן בפשטות, דהנה אם נאמר שהוא פרט בהמנורה, הרי אין כאן, בפ׳ צו שמדבר בענין המזבח, המקום לדבר אודות דיני המנורה, שהוא צריך להיות מאור המזבח.

אמנם אם נאמר שהוא פרט במזבח, אשר מחמת המזבח צריך להדליק את אור המנורה, מובן למה זה כתוב כאן דוקא בפ׳ צו כשמדבר בענין המזבח.

בעבודה קומט אראפ דער ענין: דער ענין פון מנורה איז ראך תורה, כי נר מצוה ותורה אור, קען דאך א יושב אוהל טראכטן וויבאלד אז ער האט תורה אליין איז עס שוין פאר אים מספיק, און דארף ניט מער, ער האט דעם שמן און די פתילה און א נר און אהרן הכהן צינדט אן די מנורה. צו וועלט אבער - טענה׳ט ער - האט ער ניט קיין שייכות, צו טאן מיט א צווייטן והלקו בעולם וכו׳.

האט מען די הוראה פון דא אז א מנורה אליין איז ניט מספיק, ואעפ"י אז עס איז פאראן די מנורה ושמן ואהרן וכו׳, ווען קען מען אים צינדן, איז דאס דוקא פון מזבח החיצון, ניט פון מזבח הפנימי, וואס דער מזבח הפנימי איז געשטאנען גלייך בסמיכות להמנורה, פנימיות הלב אליין אבער איז ניט מספיק, נאר עס דארף זיין מזבח החיצון, וחיצוניות הלב, און ערשט דעמאלט קען ער אנצינדן די מנורה און באלייכטן.

וזהו כל ענין החסירות, אז עס זאל זיין הפצת המעינות חוצה, עס זאל אראפקומען אין וועלט.

וזהו ג"כ דער ענין פון תמיד, וואס עפ"י פשט איז עס בלויז א סימן אז מען מיינט די מנורה, עפ"י עבודה אבער איז דא טאקע פאראן דער ענין פון התמידיות, ווארום פארוואס טאקע דארף זיין הדלקת המנורה פון מזבח החיצון, זיין פארבונדן און פועל׳ן אין וועלט? איז דער ענטפער: מצד תמיד, בכדי אז עס זאל זיין ביי אים זיין עבודה מיט א תמידיות, ווארום כל זמן ער זיצט אין ישיבה

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 35 הודפס ע"י אוצר החכמה

ישיבה און האט ניט אלע נסיונות און שוועריקייטן, ווייסט מען ניט וואס עס וועט זיין שפעטער ווען ער וועט ארויסגיין אין וועלט, וויבאלד אז ער איז בלויז בכותלי הישיבה.

בשעת אבער אפילו בעת ער לערנט תורה, האט ער צוטאן מיט וועלט, און ברעכט דורך נסיונות, דעמאלט ווייסט מען אז עס איז בתמידיות.

וכמבואר פתגם הבעש"ט אז עס זיינען פאראן נרות, נאר די עבודה איז אז מען דארף זיי אנצינדן.